*114 Invermay Avenue*
*Downsview, Ontario*
*Canada M3H 1Z8*

15.10.85.

ליבער דוד קאַץ,

סוף־כל־סוף קען איך שרייבן א בריוו און ענטפערן. יא, איך וועל אייך קענען שיקן עפּיס $ – אויב איר ווילט עס האָבן.

די מעשה איז אַזוי: די טעמע פון דער קאָנפערענץ איז "דער אָן הייב פון יידיש." דאָס איז אפילו א ברייטע טעמע, אָבער איך ווייס נישט, צי מיין זאַך וועט זיך אריין פּאַסן.

איך וויל געבן דריי קיפּיטלעך אַף מיינע דריי לשונות (א-ג) מכוח מיינע צוויי אַרבעט־פעלדער, דהיינו: (א) דאַטירן אַלטע יידישע כתב ידן (אַף יידיש), (ב) לשון קודשע עטימאָלאָגיעס אין דייטש (אַף דייטש), די עטימאָלאָגיע פון "דאַווענען" (אַף ענגליש). א סך־הכל־דיקער נאָמען קען זיין: "עטימאָלאָגישע און פּאַלעאָגראַפישע עיונים."

מזל־טוב אַפן דאָקטאָראַט און נאָך א מזל טוב אַף דער שטעלע אין אָקספאָרד. איר וואוינט דאָרטן? (אַגב אורחא: איז היינט נאָך דאָ דאָס ליטווישע "פרייען זיך?" כדי אויס צו מיידן ווייבין = וואוינען. מיין פאָטער האָט דאָס געהערט, ווען ער איז געווען 1911 אין רוסלאַנד.)

די טעג האָט מיר היילים א שוואַגער געבראַכט א בריוו. די צרה איז, אַז איך דאַרף ענטפערן אַף זיינע לאַנגע בריוו מיט נאָך לענגערע, געדויערט א לאַנגע צייט, ביז ער זעט מיינע אָן איין געטונקטע פען.

ער שטעלט צונויף א גראמאטיק - און אין זיינע בריוו זענען דא גרויסע גראמאטישע גרייזן. איך שרייב אים, ווי אזוי ס'דארף צו זיין, אבער רופט זיך נישט אן וועגן דעם. מן-הסתם ווייסט איר, אז ער גייט פארגרעסערן מיין פשרה מכוח אאא עיין.(גוטע פריינד האבן מיר דעמלט ~~גיגעבן~~ צו גירעט, איך זאל מאכן א פשרה, שפעטער וועט מען קענען פארריכטן ווי אזוי  האט איר אייך באקענט מיט אים?

איך האב הנאה צו הערן, אז איר ארביט אויך אף "א שטיקל גראמאטיק." מאי קמשמע לן "א שטיקל?" און ווער איז דער פארלעגער? וועל איך נאך דערלעבן, זי צו זען?

אוודאי אינטערעסירט מיך די ידיעה מכוח יידישפארן ב"א-דיפלאם. איז עס טאקע מקוים גיווארן?

אצינד וועגן אייערע שאלות.
עטלעכע וואכן נאך היטלערס י"ש ניצחון בין איך אוועק פון האמבורג און נאך עטלעכע וואכן אין ראטערדאם זענען מיר גיפארן קיין לאנדאן. גאר באלד קומט אין.א שיינים טאג עמיצער אין שטוב ארײַן מיט מיין גראמאטיק אין דער האנט, כלומר, ער וויל זיך לעגיטימירן. ער האט גיהערט פון לעפטוויטשן, אז בין גיקומען, וויל ער זיך באקענען מיטן מחבר פון דער גראמאטיק, וואס ער האט דורך גיארביט.זײַן נאמען איז גיווען דזשאפסן, פון סלאווישן פאקולטעט. ער האט מיך נישט גיזאגט און איז גיגאנגען און פיר גילייגט דער אוניווערסיטעט, איך זאל זאגן א לעקציע וועגן יידיש.                וואָרטס אויס
א מינוט! וואס זאל איך דא מאריך זיין & - איך וועל אייך בעסער שיקן קסערא-קאפיעס פון גידרוקטע ידיעות מכוח ~~בבדבש~~ די אקאדעמישע גישעענישן ארום יידיש, אף וויפל ס-האט צו טון מיט מיר.

דער "פראיעקט" האט זיך נישט "אפ גישטעלט" - איך בין גיווען "האנ' לעקטשערער" ביז צום סוף. אבער אן גיהויבן האט זיך עס קנאפ פאר דער מילחמה. דער אינסטיטוט איז דעמלט ארײַן אינים נייעם בינין פונים סענאט. כ-האב נאך גיזען די טיר מיט מיין נאמען און דערנאך האט.מען צו גינומען דאס בינין פאר מילחמה זאכן, און איך בין אוועק מיט דער צענזור קיין ליווערפאל. נאך דער מילחמה איז שוין גיווען ווער יידיש, וואס יידיש, דער עולם איז גילאפן צו איווריט.

זייט מיר גיזונט און שטארק!

אייער

שלמה בירנבאום

ייִדיש אין סאא"ס? אין יענע יארן?!
פונקט ווי לערנין ייִדיש (אדער ענגליש) אף דער לבנה.

קענט איר מיר דערציילן מער וועגן דים פרואוו ביים סאא"ס? דאס אינטעריסירט מיך גאנץ שטארק.

דער נאמין פונים יונגינמאן אין ווילנע? איך וויים נישט, צי איך האב דאס רעכט אויס צו זאגן. כ־וועל אים פרעגן. ער לעבט נאך.